**איוף תיכף ארויסצוגעבן:** 12/14/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנאר האקול שענקט 31 מיליאן דאלער צו שטיצן טראנספארמירנדע ווידער-דעוועלאפמענט פון בולעווארד מאל אין אמהערסט**

***פאנדינג שטיצט אינפראסטרוקטור ארבעט וואס איז נויטיג צו טראנספארמירן בולעווארד מאל צו א נייע שפאצירבארע, געמישטע-באנוץ, טראנזיט-אריענטירטע טאון צענטער מיט רעזידענשל, ריטעיל און פובליק צוזאמקום פלאץ***

***זעט רענדערינגס פון איבערגעמאכטע מאל [דא](#)***

גאווערנאר קעיטי האקאל האט היינט געשאנקען 31 מיליאן דאלער צום טאון אוו אמהערסט פאר אינפראסטרווקטור ארבעט פאר די טראנספארמירנדע בולעווארד מאל איבערבוי פראיעקט וואס וועט אריינגעבן נייע לעבן אינעם יעצט-כמעט-ליידיגן בולעווארד מאל אין אמהערסט. די אינפראסטרוקטור ארבעט וואס ווערט געשטיצט דורך ניו יארק סטעיט וועט אויסגלייכן דעם וועג פאר די מאל צו ווערן איבערגעמאכט אלס נייע שפאצירבארע, געמישטע באנוץ, טראנזיט אריענטירטע טאון צענטער מיט אן אויסוואל פון רעזידענשל און ריטעיל אפציעס, און וועט אויך אריינעמען פובליק צוזאמקום פלאץ.

"דעם היינטיגן טאג באצייכנט א נייע תקופה פאר די בולעווארד מאל אזוי ווי מיר נעמען דעם נעקסטן שטאפל אין עס טראנספארמירן אלס א בליענדע, טראנזיט-אריענטירטע טאון צענטער," **האט גאווערנאר האקול געזאגט.** "א דאנק אונזער אינוועסטירונג, גייט דער דערפרייענדער פראיעקט ווייטער אויפשליסנדיג האוזינג מעגליכקייטן, שאפנדיג דזשאבס, און ערמעגליכנדיג געלעגנהייטן אין מערב ניו יארק. די ווידער-דעוועלאפמענט פון די בולעווארד מאל איז בלויז איינע פון די פילע טראנספארמירנדע פראיעקטן העלפנדיג צו מוטיגן די לאקאלע עקאנאמיע און לעזן אונזער האוזינג קריזיס, און איך אפלאדיר סופערווייזער קולפא און די טאון אוו אמהערסט פארן האבן דעם טרוים צו איבערבויען דעם אונטער-באנוצטן קאמערשיעל פראפערטי צו פארבעסערן די קוואליטעט פון לעבן פאר מערב ניו יארקערס."

דער פלאן פאר די באנייעטע בולעווארד מאל איז צו ברענגען א קאמיוניטי געפיל צוריק צום געגנט, וואס דאס נעמט אריין אן אקטיווע פובליק פלאץ נוצנדיג א הויכע קוואליטעט און ענווייראנמענטל סוסטעינעבל דעזיין וואס שטעלט צו וויכטיגע פוסגייער איינריכטונגען. די פארגעשלאגענע איבערבוי וועט שאפן אמוויניגסטנס 1,500 רעזידענשל יוניטס דורך א געמיש פון אפארדעבל, מארקעט ראטע, סטודענט און סיניאר האוזינג, און שאפן נייע דזשאבס און געלעגנהייט דורך דעם צולייגן רעסטוראנטן, געשעפטן און אפענע פלאץ.

עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט (Empire State Development, ESD) האט לעצטנס באשטעטיגט א 31 מיליאן דאלערדיגן פאנדינג אפמאך פאר אינפראסטרוקטור ארבעט צו מאכן דעם פלאץ גראבאייזן-גרייט צו שטיצן צוקונפטיגע דעוועלאפמענט. דער פארנעם פון אינפראסטרוקטור ארבעט וואס ווערט פאנדעד נעמט אריין דעזיין און בוי ארבעט פון פארבעסערונגען צו סאניטערי סוער סיסטעמען אינעם

בולעווארד צענטראלע דיסטריקט. ווײבאלד עס ווערט פארענדיגט, וועט די סאניטערי סוער פארבעסערונגען הייבן מעגליכע גרויסקייט איו די עקזיסטירנדע סוער נעטווארק אין דעם געגנט מיטן אויפבוי פון א פאמפ סטאנציע און נייע סוער מעינס.

**עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט פרעזידענט, CEO, און קאָמיסיאָנערין האופ נייט האט געזאגט,** "דער איניציאטיוו ברענגט אונז איין שטאפל נענטער צו פארווירקליכן אונזער געמיינזאמע טרוים פון ווידער ערפינדן בולעווארד מאל אלס א ציענדע קאמיוניטי אין די טאון אוו אמהערסט. מיין ערפארונג מיטן ארבעטן מיט די טאונ'ס פירערשאפט האט מיר געוויזן אז זיי זענען גרייט צו איינפירן די שעפערישע עצות וואס זענען נויטיג כדי צו מאכן די פראפערטי א דערפרייענדע צענטער פאר רעזידענשל, ריטעיל און פארוויילונגס אקטיוויטעטן."

**סטעיט סענאטאר שאן רייען האט געזאגט,** "דאס איז א טראנספארמירנדע פראיעקט פאר די טאון אוו אמהערסט, און איך בין שטאלץ אז די ניו יארק סטעיט אינוועסטירט אין די אינפראסטרוקטור עס צו מאכן מעגליך. די בולעווארד מאל ווידער-דעוועלאפמענט פראיעקט וועט העלפן אדרעסירן אונזער ראיאן'ס האוזינג מאנגל בשעת'ן ברענגען נייע לעבן צו א קאמיוניטי צוזאמקום פלאץ וואס וועט אוועקשטעלן אמהערסט'ס צוקונפט."

**אסעמבלימיטגליד קארען מקמאהאן האט געזאגט,** "איך בין זייער צופרידן פון גאָווערנאָר האקול און ניו יארק סטעיט'ס ארויסווייזן זיכערקייט און געטריישאפט צום טאון אוו אמהערסט. די אינוועסטירונג פון 31 מיליאן דאלער אינעם אינפראסטרוקטור פון די בולעווארד מאל סייט איז דער שליסל צום צוקונפטיגע דעוועלאפמענט פון דעם טייל פון אן אונטער-באנוצטן קאמערשיעל פלאץ צו א ציענדע און שפאצירבארע טאון צענטער. די אינוועסטירונג וועט אויך האבן א באדייטנדע עקאנאמישע ווירקונג אויפן ראיאן, שאפנדיג דזשאבס אין די קאנסטראקשאן אינדוסטריע, בשעת'ן שטיצן דעם צוקונפטיגע דעוועלאפמענט פון אפארדעבל האוזינג, רעסטוראנטן, ריטעיל, און פארוויילונגס געלעגנהייטן. איך דאנק דעם גאָווערנאָר פאר איר אנערקענונג פון דעם פראיעקט'ס באדייטנדקייט צום קוואליטעט פון לעבן אינעם טאון אוו אמהערסט."

**ערי קאונטי עקזאקוטיוו מארק סי פאלאנטשארז האט געזאגט,** "די איבערבוי פון די בולעווארד מאל איז א דערפרייענדע פראיעקט וואס וועט שאפן האוזינג, דזשאבס, און א באנייטע געפיל פון קאמיוניטי אין אמהערסט. אין צוגאב, טוט דער פראיעקט איבערנוצן און טראנספארמירן עקזיסטירנדע אינפראסטרוקטור אין א גענצליך נייע געדאנק, אזוינס וואס פארמאגט פובליק פלעצער, ריטעיל און האוזינג אין א געמיש וואס ערמעגליכט קאמיוניטי און שפאצירבארקייט. גאָווערנאָר האקול'ס אינוועסטירונג וועט ערמעגליכן די טראנספארמאציע און איך דאנק איר פארן זיין א פארטנער אין בויען א שטארקערע ערי קאַונטי."

**טאון אוו אמהערסט סופערוויזער בריין קולפא האט געזאגט,** "די אינוועסטירונג פון ניו יארק סטעיט, א דאנק גאָווערנאָר האקול און אונזערע פארטנערס אין די לעגיסלאטור, גייט טוישן דעם גאנג פון די טאון אוו אמהערסט. אן קיין געהעריגע אינפראסטרוקטור, טוט די טאונ'ס יעצטיגע פארמעגנס ליידן און באדייטנדע דעוועלאפמענט האלט זיך אפ. די טאונ'ס מערב אמהערסט אינפראסטרוקטור פראיעקט וואלט געוועזן צו גרויס פאר אונז צו פארענדיגן אליין אבער אדאנק גאָווערנאָר האקול, וועט די וויכטיגע אפפאל וואסער באהאנדלונג סיסטעם קענען ווערן אינסטאלירט, ערלויבנדיג אונז צו פארריכטן אפרינונג פראבלעמען אין וויליאמסוויל, סניידער און עגערטסוויל געגנטער און בויען די בולעווארד מאל סייט צו איר פולסטע פאטענציאל. מיר ספראוועןן זיך מיט א האוזינג קריזיס אין אונזער ראיאן, אבער מיט פרא-אקטיווע שריט אזוי ווי דאס, קענען מיר פארריכטן דעם פראבלעם מיט די פארצווייגטע אינפראסטרוקטור אפגרעיד וואס וועט ערלויבן די טאון צו ארייננברענגען אפארדעבל האוזינג יוניטס אין די מאל'ס אפדרוק

בשעת'ן פארבעסערן סערוויסעס פאר אלע איינוואוינער, סטודענטן און ביזנעסער וואס געפינען זיך אינעם פראיעקט."

**אמהערסט טשעימבער אוו קאמערס CEO און פרעזידענט A.J. בעינס האט געזאגט**, "די לעצטע אינוועסטירונג דורך גאָווערנאָר האקול און איר לעגיסלאטיווע שותפים באצייכנט א קריטישע ווענדפונקט אינעם אנטוויקלונג פונעם טאון אוו אמהערסט. מיטן אפגרעיד'ן די לאקאלע אינפראסטרוקטור, טוט די איניציאטיוו פארשפרעכן נישט בלויז צו ערמעגליכן די אויפלעבונג פון די בולעווארד מאל פלאץ און די ארומיגע געגנט נאר אויך צו לעזן לאנגיעריגע אפפאל פראבלעמען וואס פלאגן אנדערע טיילן פונעם טאון. די פרא-אקטיווע מאסנאמען צייגט אן אנטשלאסענע שריט צו פארשריט און שטעלט א שטארקע פונדאמענט פאר צוקונפטיגע וואוקס און דעוועלאפמענט פאר די טאון אוו אמהערסט. איך אפלאדיר גאָווערנאָר האקול און די לעגיסלאטור פאר די פאנדינג און אנערקען סופערווייזער ברייען קולפא פאר זיין אומערמידליכע אדוואקאסי פאר די שטארק נויטיגע אינפראסטרוקטור אפגרעיד."

**איבער עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט**

עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט (Empire State Development, ESD) איז ניו יארק'ס הויפט עקאנאמישע אנטוויקלונג אגענטור ([www.esd.ny.gov](http://www.esd.ny.gov)). די מיסיע פון ESD איז צו שטופן פאר אן אויפגעלעבטע און וואקסנדע עקאנאמיע, ערמוטיגן דאס שאפן נייע דזשאבס און עקאנאמישע געלעגנהייטן, העכערן איינקונפטן פאר די סטעיט און אירע לאקאלע רעגירונגען, און עררייכן סטאבילע און פארשידנארטיגע לאקאלע עקאנאמיעס. דורכן נוצן הלוואות, גרענטס, טעקס קרעדיטס און אנדערע סארטן פינאנציעלע הילף, שטרעבט ESD צו פארמערן פריוואטע ביזנעס אינוועסטירונג און וואוקס צו טרייבן דאס שאפן פון נייע דזשאבס און שטיצן בליהענדע קאמיוניטיס איבער גאנץ ניו יארק סטעיט. ESD איז אויך די הויפט אדמיניסטראטיווע אגענטור וואס טוהט איבערזעהן די ראיאנישע עקאנאמישע אנטוויקלונג קאונסילס און די מארקעטינג פון די "I LOVE NY" (איך האב ליב ניו יארק) קאמפיין, די סטעיט'ס אייקאנישע טוריזם ברענד. פאר מער אינפארמאציע איבער ראיאנישע קאונסילס און איבער עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט, באזוכט [www.regionalcouncils.ny.gov](http://www.regionalcouncils.ny.gov) און [www.esd.ny.gov](http://www.esd.ny.gov).

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי [www.governor.ny.gov](http://www.governor.ny.gov)
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | [press.office@exec.ny.gov](mailto:press.office@exec.ny.gov) | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: [ny.gov/signup](http://ny.gov/signup) | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

[זיך ארויסשרייבן]()